**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט איניציאטיוו צו פארבעסערן עסנווארג בענעפיט צוטריט פאר פרויען, פיצל קינדער און קינדער**

**דער אפרוף געזאמעלט דורך לעבעדיגע אנליין שמועס פונקציע, אינטערוויוען און סערווייס וועלן ווערן גענוצט צו פארבעסערן ניו יארקערס פראקטיק מיט דער WIC פראגראם**

**גאווענער שטעלט צו אויף [מצב פון דער סטעיט איניציאטיוו] צו מאכן קונה פראקטיק און בענעפיטן השתתפות א סטעיט פריאריטעט; פארבעסערן באדינונגען פון WIC בענעפיטן**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א נייע קליענט אפרוף איניציאטיוו וואס וועט פארבעסערן דאס פארשטענדעניש פון די פארמעסטונגען וואס ניו יארקער גייען אדורך ווען זיי פארשרייבן זיך אין דער צוגאב נערונג פראגראם פאר פרויען, פיצל קינדער, און קינדער, אויך באוואוסט אלץ WIC. **געמאלדן אלץ טייל פון גאווערנער האקולס** [2023 מצב פון דער סטעיט אדרעס], די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט וועט זיך משתתף זיין מיט[קאוד פאר אמעריקע] צו פרואוווען א לעבעדיגע, אנליין פראגראם וואס וועט העלפן דעם אגענטור זאמלען קליענט אפרוף צו פארבעסערן די WIC פראגראם און פארשרייבן גאנצשטאטיש.

"כאטש זייענדיג א קריטישער מקור פאר משפחות וואס מוטשען זיך, ווערט נישט די WIC פראגראם אויסגענוצט ביי גענוג ניו יארקער וואס זענען פאסיג פאר די עסנווארג בענעפיטן אדער ביי אסאך פאמיליעס וואס זענען שוין איינגעשריבן אין דער פראגראם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער איניציאטיוו וועט אונדז העלפן אידענטיפיצירן וועגן אפצושאפן ביוראקראטישע שוועריגקייטן, פארלייכטערן די איינשריי ב פראצעסן און אריינשטעלן נייע טעכנכלאגיע אז די משפחות וואס מוטשען זיך זאלן האבן א בעסערן צוטריט צו געזונטע, נערעוודיגע עסנווארג."

אין אנהייב, וועט קאוד פאר אמעריקע העלפן איינפירן א לעבעדיגע אנליין שמועס פונקציע צו בייטן די דעפארטמענט אוו העלטס אויטאמאטישע שמועס באַט וואס געפונט זיך אויפן אגענטורס [WIC בלאט], וואס וועט פארבינדן דעם מענטש צו א WIC פערסאנאל פאר לעבעדיגע אינטעראקציע. לעבעדיגע אינטעראקציע איז אן עפעקטיווע וועג צו נעמען אפליקאנטן דורכן פראצעס און פארשרייבערס מיטן נוצן זייער בענעפיטן, אין דער צייט וועלן אויך צושטעלן א אומשעצלעכן מקור פון אפרוף וואס קען ווערןצונויפגעקייטעלט מיט קליענט אינטערוויוס און אנדערע איכות'דיגע און כמות'דיגע אויספארש מעטאדן צו פארשיין בעסער די פארמעסטונגען מיט WIC פארשרייבן און באנוצן.

אין דער צווייטער פאזע פונעם פראיעקט וועט די דעפארטמענט אוו העלט ארבעטן מיט קאוד פאר אמעריקע איינצופירן פארבעסערונגען צו דער WIC פראגראם אוועקגעשטעלט אויף דער געזאמעלטע אינפארמאציע. די שותפות וועט דערמעגלעכן דעם אגענטור צו פארשטיין וואס פארמיידט בארעכטיגטע

פאמיליעס פון אנטיילנעמען און נעמען פולע עדוואנטעדזש פון דער פראגראם, און דאן נוצן די אינפארמאציע צו פארבעסערן די דעליווערי פון WIC סערוויסעס.

**דינט אלץ העלט קאמיסיאנער דר. דזשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "דורך זאמלען עצות פון פאמיליעס וואס זענען זיך משתתף אין דער WIC פראגראם, קענען מיר פארשענערן דעם קונה'ס פראקטיק און עס מאכן לייכטער פאר ניו יארק פאמיליעס צו האבן צוטריט נערעוודיגע עסנווארג געפאדערט צו א געזונטער געוואוקס און אנטוויקלונג פאר קינדער. דורך צוזאמענארבעטן מיט קאוד פאר אמעריקא צו טעסטן לעבעדיגע שמועס און אנדערע טעכניקעס צו זאמלען אינפארמאציע, קענען מיר זוכן וועגן צו העלפן פארמערן השתתפות און מאכן די פראגראם מער ניץ-פריינטלעך פאר יענע וואס פארלאזן זיך צו באקומען WIC".

די WIC פראגראם שטעלט צו פעדעראלע געלטער פאר סטעיטס פאר עקסטערע געלטער, העלט קעיר רעקאמענדאציעס און דערנערונג עדיוקעישן פון נידעריגע-הכנסה שוועגנערדיגע, זייגנדיגע, און נישט קיין זייגענדיגע נאכקימפעט פרויען; און פאר פיצל און קליינע קינדער ביז 5 יאר אלט וואס געפונען זיך אין א דערנערונג ריזיקע. די דעפארטמענט און העלט זענען צווישן פיר ביוראס אויסגעקליבן זיך משתתף זיין אין דער צווייטער גרופע פון קאוד פאר אמעריקעס פארזיכערונגס נעץ אינאוואציע לאבאראטאריע, וואס צילט צו מאכן סטעיט אדמיניסטרירטע פובליק בענעפיטן פראגראממען מער יושרדיק און צוטריטלעך.

איבערן לאנד האלב פון די פאמיליעס וואס זענען בארעכטיגט פאר WIC, נעמען אנטייל אינעם פראגראם און די וואס זענען איינגעשריבן אינעם פראגראם נוצן נישט כסדר זייערע עסנווארג בענעפיטן. דאטע צוזאנגענומען ביי דער US דעפארטמענט און אגרעקאלטורס עסן און דערנערונג סערוויס היי יאר האט געטראפן אז בערך [706,000 ניו יארקער זענען געווען פאסיג פאר WIC אין 2020](), אבער נאר 363,000 האבן אנטייל גענומען אין דער פראגראם.

עסן-אומזיכערקייט איז כסדער געווען פאראייניגט מיט שוואכע געזונט ארויסקומען אין קינדער, ווי אויך שוואכערע בכללותדיגע געזונט סטאטוס, שווערע און כראנישע געזונט פראבלעמען און באגרענעצטע העלטקעיר צוטריט. השתתפות אין WIC איז געווען פאראייניגט מיט געזונטערע געבורטס, בעסערע געבורטס וואג, רעדוצירטע ריזיקע פון קינד-טויט, בעסערע פיטערן פראקטיקס, מער נערעוודיגע דיעטעס, בעסערע צוגאנג צו הויפט און פארמיידעוודיגע העלטקעיר, און פארבעסערטע באנעמיגע אנטוויקלונג, אין קינדער, צווישן אנדערע פאזיטיווע געזונט ארויסקומע.

די איניציאטיוו מיט קאוד פאר אמעריקע איז טייל פון גאווערנער האקולס פלענער צו מאכן רעגירונג ארבעטן בעסער פאר ניו יארקער דורך טראנספארמירן דעם וועג צו האבן צוטריט צו סערוויסעס און בענעפיטן. באדייטנדע טעכנלאגישע פארשריט ווערן יעצט איינגעפירט צו פארמינערן ביוראקראטישע שוועריגקייטן, און פארגרינגערן צוטריט; רעדוצירן טעלעפאן ווארט צייט; איינפירן אי-סיגנעטשור טעכנאלאגיע; אנהויבן "איין ID" צו פארבעסערן ווי אזוי איינוואוינער באגייען זיך מיט געוויסע סטעיט אגענטורן אנליין; און מאדערניזירן סטעיט אגענטור וועבזייטלעך און אפליקאציעס צו פארבעסערן די באנוצער ערפארונג.

**קאוד פאר אמעריקע הויפט עקזעקוטיוו אפיציר אמאנדא רענטעריע האט געזאגט,** "קאוד פאר אמעריקע ארבעט האנט אין האנט מיט רעגירונג שותפויםמאון קאמיוניטי ארגאניזאציעס מיטן ציל צו באשאפן א מענטשישע-ארומגענומענע פארזיכערונג נעץ. דורכן פארזיכערונג נעץ אינאוואציע לאבארעטאריע, נעמען סטעיט רעגירונגען אן גרויסע שריט צו א סיסטעמאטישן טויש אין ווי אזוי מענטשן באקומען בענעפיטן אזוי ווי עסנווארג הילף, העלטקעיר און אנדערע פונדעמע נטאלע געברויכן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418